# בליי אויסגעשטעלטקייט זעלבסט-אפשאצונג פאר ערוואקסענע

**בליי איז א געפארפולע מעטאל וואס קען שעדיגן מענטשן פון אלע יארגענג. איר קענט ליידן פון בליי פארגיפטיגונג און נישט אויסזען אדער שפירן קראנק. די פאלגנדע פראגעס קענען אייך העלפן וויסן אויב איר זענט געווען אויסגעשטעלט צו בליי.**

## האט איר אדער איינער וועמען איר וואוינט מיט אן ארבעט אדער פארברענג וואס נוצט בליי? ביישפילן נעמען אריין:

- בויען אדער איבערבויען אלטע געביידעס, בריקן אדער טונעלן
- נוצן ארבעטס געצייג אויף מעטאל וואס פארמאגט בליי
- אויפרוימען פלעצער וואס פארמאגן בליי
- ריסייקלען באטעריעס, עלעקטראנישע געצייג אדער שטיקער מעטאל
- איבערבויען אדער פאררעכטן קארס, שיפן, עלעקטראנישע געצייג אדער אנטיקן, אריינגערעכנט מעבל
- פאבריצירן‎/אדער שיסן קוילן וואס פארמאגן בליי
- מאכן כלים, צירונג אדער קאלירטע גלאז וואס נוצט פארב אדער שמירעכץ וואס פארמאגט בליי

יא: ☐ ניין: ☐

ביים ארבעט אדער פארברענג:

- איר זאלט נישט עסן, טרינקען אדער רייכערן אין די ארבעטספלאץ.
- וואשט אייערע הענט און פנים מיט זייף און וואסער פארן עסן, טרינקען אדער רייכערן.
- טראגט באשיצנדע קליידער און א גוט-צוגעפאסטע אטעמען אפאראט.
- נוצט פארזיכערטע ארבעט מיטלען און נאסע רייניגונג מיטלען צו פארמינערן שטויב.
- נוצט בליי-רייניע אנדערע מאטריאלן פאר פארברענגען ווען מעגליך.
- וואשט זיך אפ און נעמט א שאוער נאכ'ן ארבעט אדער פארברענג.
- טוישט אייערע ארבעטס קליידער און שיך פארן אריינגיין אין אייער קאר אדער אהיימגיין צו פארמיידן "אהיימנעמען בליי".
- וואשט ארבעטס קליידער עקסטער פון אנדערע קליידער אין אייער הויז.

## וואוינט איר אין אן אלטע הויז אדער אין א געביידע וואס מען בויעט איבער וואס שאפט שטויב?

בלייאיגע פארב איז גענוצט געווארן אין הייזער און געביידעס געבויעט איידער 1960. שעדליכע בלייאיגע שטויב קען קומען פון צושטערטע אלטע פארב.

יא: ☐ ניין: ☐

- וואשט אפט די ערד, פענסטער ראמען און אנדערע אינעווייניגע פלעצער.
- נעמט אויף ארבעטערס מיט לייסענס ווען איר פאררעכט בלייאיגע פארב געפארן און פאררעכט זאכן וועלכע צושטערן בלייאיגע פארב.
- איר זאלט קיינמאל נישט טרוקענרייבן, אראפקראצן אדער טרוקענערהייט 'סענדן' בלייאיגע פארב בשעת א רענאוואציע .
- האלט קינדער אוועק פון שיילנדע אדער געשעדיגטע פארב.
- באריכט ארבעט וואס ווערט געטון אויף א נישט זיכערע אופן פאר אייער לענדלארד. רופט **311** אויב די פראבלעם ווערט נישט פאראכטן אדער אויב איר קלערט אז פאררעכטונגס ארבעט ווערט געטון אויף א נישט זיכערע אופן.

## נוצט איר פראדוקטן פון אינדרויסן פון די פאראייניגטע שטאטן, אזוויי געווירצן, געזונטהייט היילונגען, קאסמעטיקס, רעליגיעזע פאודערס אדער סעראמיק אדער מעטאלענע קאך געצייג?

געוויסע קאנסומער פראדוקטן פון ארום די וועלט קענען אויך פארמאגן בליי.

יא: ☐ ניין: ☐

פארמיידט זיך פון נוצן פראדוקטן וואס מען ווייסט אז זיי ענטהאלטן בליי. פאר אינפארמאציע אויף פראדוקטן צו אויסמיידן, באזוכט **nyc.gov/hazardousproducts**.

## עסט איר, קייט איר, אדער לייגט איר אריין אין די מויל נישט-עסנווארג זאכן אזוי ווי קלעי, ערד, צעברעקלטע כלים אדער פארב שטיקלעך?

עסן אדער אריינלייגן נישט-עסנווארג אין די מויל (באקאנט אלץ פיקא) קען אייך אויסשטעלן צו בליי.

יא: ☐ ניין: ☐

נישט עסן, קייען אדער אריינלייגן אין די מויל נישט-עסנווארג זאכן.

## האט איר שוין אמאל געהאט א וואונד פון א ביקס?

קוילן פארמאגן געווענליך בליי. איבערבלייבענישן פון קוילן אין די קערפער קענען פירן צו הויכע שטאפלען בליי אין די בלוט.

יא: ☐ ניין: ☐

זאגט פאר אייער דאקטער אויב איר האט אמאל געהאט א וואונד פון א ביקס אדער קוילן אין אייער קערפער און בעט פאר א בלוט בליי טעסט.

## האט איר אדער איינער וועמען איר וואוינט מיט אמאל געהאט א הויכע שטאפל בליי אין די בלוט?

א הויכע שטאפל בליי אין אייער בלוט אדער ביי איינעם אין אייער הויז קען צייגן אפטע בליי אויסגעשטעלטקייט.

יא: ☐ ניין: ☐

רעדט מיט אייער דאקטער וועגן באקומען א בליי בלוט טעסט פאר אייך און פאר אייער הויזגעזינד מיטגלידער.

## פארט איר אפט אריין און ארויס פון אמעריקע?

לעצטיגע אריינפארן און ארויספארן פון לענדער וואו אנווייזונגען איבער בליי זענען ווייניגער שטרענג קען פארמערן די געפאר פון זיין אויסגעשטעלט צו בליי.

יא: ☐ ניין: ☐

רעדט מיט אייער דאקטער וועגן אייערע לעצטע רייזעס. פאר מער אינפארמאציע וויאזוי צו פארמיידן בליי פארגיפטונג, באזוכט **nyc.gov/lead** און **nyc.gov/hazardousproducts**.

NYC Health

אויב איר האט געענטפערט יא צו איינע פון די פראגעס, בעט אייער דאקטער פאר א בלוט בליי טעסט. פאר הילף מיטן טרעפן א דאקטער, רופט **311** אדער באזוכט **nyc.gov/healthcoverage**. פאר מער אינפארמאציע איבער בליי, באזוכט **nyc.gov/lead**.